י. י. טרונק / פוילן*

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

מלכות ביאַלע. די רבישע מאַרקיזע. אַלע זענען קרוינפּרינצן. די גאָלדענע שליסלען פון שפע ליגן אין די הענט פון דער ביאַלער דינאַסטיע. אין זיידנצייג און אין סאַמעט.

אינם פינפטן בוך פון דעם דאָזיקן ווערק האָב איך דערציילט פון אַ ראָמעאָ־און־יוליאַ־ליבע וואָס איז פאָרגעקומען צווישן צוויי גבירישע משפחות אין לאָדזש. די דאָזיקע ליבע האָט אַ סך געוויזן פון דעם קאָלאָריט און די שטימונגען פון דער צייט־תקופה. די איצטיקע ראָמעאָ־און־יוליאַ־געשיכטע איז פאָרגעקומען צווישן צוויי רבישע הויפן אין די יאָרן 1905־1906. זי דערציילט אויך אַ סך פון דער צייט־תקופה.

דער ביאַלער רבישער הויף האָט נישט געהאַט קיין גרויסן עולם חסידים. אין פרט פון רבישן יחוס איז ער אָבער געווען פון די שענסטע אין פוילן. אינם בלוט פון אָט־דער קליינער דינאַסטיע האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן כמעט די גרעסטע רבישע נעמען פון פוילן און וואָלין. אויסצורעכענען די זיידעס פון ביאַלער הויף וואָלט מיר אויסגעקומען צו שרייבן די גאַנצע געשיכטע פון חסידות. גענוג איז צו דערמאָנען — און דאָס האָט געשפילט גאָר אַ גרויסע ראָליע צווישן חסידים אין פוילן — דער ביאַלער הויף איז אַרויסגעקומען — בן אַחר בן פון „ייד הקדוש פון פשיסכע". און דאָ הויבט זיך עס ערשט אָן. וואָלינער חסידים וואָלטן געהאַט צו דערציילן פון די גרעסטע וואָלינער רבישע דינאַסטיעס וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין ביאַלער בלוט.

הגם ביאַלע איז טאַקע געווען פון די קלענסטע רבישע מלוכות אין פוילן, אָבער שטאָט האָט מען דאָרט געפירט נישט לויט דער צאָל חסידים נאָר ווערדליק דעם גרויסן יחוס. מען האָט זיך געפירט פירשטלעך ווי אין ריזשין און סאַדיגורע. עס האָט געהערט צום ביאַלער חסידות, אַז דער רבישער הויף זאָל זיך נוהג זיין פירשטלעך. עס האָט געהייסן ביי ביאַלער חסידים: אַז ווען מען עפנט די בייטלען פאַר די הצטרכותן פון רבין, לייגט דאָרט דער רבונו של עולם צוריק דאָס הונדערט־פאַכיקע. מן־הסתם איז עס טאַקע אַזוי געווען — וואָרים שטענדיק איז דאָרט געפלאָסן דאָס חסידישע געלט. און ביאַלער חסידים האָבן געשמט פאַר גבירים. עס זענען דאָרט פאַראַנען געווען אויך אַ שפאַר ביסעלע קבצנים. אָבער זיי, די קבצנים הייסט עס, האָט מען פון הימל באַשאַפן בלויז כדי אַז אין ביאַלער הויף זאָל אויך זיין טיש־זיצערס און צדקה־נעמערס. גבירים וואָלטן זיך דאָך נישט אַוועקגעזעצט אין ביאַלע ווי בטלנישע „יושבים" און כסדר געגעסן פון רבינס טאָפּ. ווי עס קוקט טאַקע אויס, פירט זיך דאָס רעדעלע פון דער וועלט מיט אַן אויסגערעכנטן חשבון.

די ביאַלער רעביצן — די באָבע פון העלד וועלכן מיר גייען איצט באַשרייבן — האָט געשמט אין פוילן ווי אַ רבישע מאַרקיזע. זי אַליין האָט אויף אירע פלייצעס געשלעפט אַ היפש פעקל מיט יחוס. עס וואָלט געדויערט אַ שעה ווען מען זאָל באַדאַרפן גיין און אויסרעכענען די גרויסע זיידעס וואָס זענען געשטאַנען הינטער דער ביאַלער רעביצן. דערצו איז זי געווען אַ גרויסע יפת־תואר און אַ פאַרפיצטשעטע בת־יחידקע אין אַ הויף פון אַ גרויסער רבישער דינאַסטיע אין וואָלין. טעמפעראַמענט, מוט און געשמאַק האָט זי געהאַט, די ביאַלער רעביצן. דערצו האָט זי געהאַט אַן איינרעדעניש, אַז עס קומען איר באַזונדערע רעכט אויף דער וועלט. נישט בלויז זי אַליין האָט זיך עס איינגערעדט. מען האָט עס איר איינגעזונגען ביים וויגל און מען האָט עס איר אויף אַ רגע נישט אַרויסגעלאָזט פון די אויערן. חסידים און חסידותטעס האָבן איר כסדר גערויכערט ווייַרוך און נאָר איר דערציילט פון איר יחוס און פון אירע זיידעס. די ביאַלער רעביצן האָט טאַקע ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז סיי וואָס שייך איר רביש בלוט און סיי וואָס שייך איר שיין געשטאַלט (אַ רעביצן מעג דאָך אַריינקוקן אין אַ שפיגל און זען די שיינקייטן און חנען פון אַ ווייבערישער אָסאָבע) וואָלט עס געווען אַ הימל־שרייענדיקע עוולה ווען די שענסטע און מיוחסדיקסטע רעביצן פון פוילן זאָל זיך נישט נייען אירע קליידער אין וואַרשע — און טאַקע ביי די זעלבע שניידערינס וואו עס נייען זיך זייערע טואַלעטן די גרעסטע און רייכסטע פירשטינס פון אַלטן פוילישן יחוס. ביאַלער חסידים האָבן פאַרשטאַנען, אַז די רעביצן איז כשר גערעכט און עס קומט איר טאַקע מן־השמים. זיי האָבן געעפנט די בייטלען און געשיט מיט געלד. דער ביאַלער רעביצנס שטאָט האָט געהאַט אַ שם איבער פוילן און נישט בלויז צווישן יידן. אין די פּאַלאַצן פון די גרעסטע פוילישע אַריסטאָקראַטן האָבן די פירשטינס צווישן זיך געשמועסט, אַז די ביאַלער רעביצן איז איינע פון די שענסטע און עלעגאַנטסטע דאַמען אין פוילן. די פאָפולערסטע שניידערינס אין וואַרשע האָבן זיך גערימט מיט דעם דאָזיקן רבישן קונד.

נישט בלויז די ביאַלער רעביצן — ווי איך האָב שוין געזאָגט — נאָר דער ביאַלער הויף בכלל איז געפירט געוואָרן אויפן אופן פון רבישער פירשטלעכקייט. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען דאָרט געווען אַ היפש רעשטל זין. אָבער קיין אייגנטלעכער קרוינפרינץ איז נישט געווען. אַלע ביאַלער זין זענען געווען קרוינפרינצן. יעדער איינער פון זיי האָט געהאַט אַרום זיך אַ סוויטע פון מקורבים, גבירים, וואָס האָבן שוין געקוקט אויף אים ווי אויף דעם, וואָס וועט „פירן" איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר — און האָבן באַצייטנס געהאַלטן אָפענע בייטלען כדי צו זיין די ערשטע ביי דער שפע וואָס וועט זיך גיסן אין רבינס זכות. הינטער די גבירים זענען, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען מקורבים־קבצנים, וואָס דער אויבערשטער האָט שוין באַצייטנס צוגעגרייט פאַר טיש־זיצערס און „יושבים". יעדער ביאַלער זון האָט באַצייטנס געפירט רביסטווע און יעדע ביאַלער שנור איז שוין געווען אַ קליינע ביאַלער רעביצן.

* אַרויסגענומען פון 7טן באַנד „פוילן", מיט דער הסכמה פון מחבר. דער אויסלייג נישט געענדערט.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
ביאלה-פודלאסקה : ספר קהילה (1) {0} עמוד מס : 293 הודפס ע"י אוצר החכמה

סיי דער ביאַלער רבי, סיי זיינע קרוינפּרינצן און סיי די ביאַלער חסידים זענען זיכער געווען ווי דער טאָג, אַז דאָס מלכות ביאַלע וועט זיך ציען ביז משיח וועט קומען. אַפילו ווען עס וועט אַ בלאָז טאָן דער שופר של משיח און מען וועט מוזן פאַרלאָזן פּוילן און זיך אַריבערפּעקלען קיין ירושלים, וועט אויך דער ביאַלער הויף נישט אויפהערן. דערימאָך האָט מען באַצייטנס צוגעגרייט צוקונפטיקע פּרינצלעך וואָס דאַרפן און וועלן, אם ירצה השם, פירן די ביאַלער רביסטווע. נאָך אין די וויגן האָט מען זיי דערצויגן ווי ביאַלער רביים. ווען מען האָט זיי געשיקט אין חדר אַריין, האָט איטלעכער ביאַלער פּרינץ געהאַט זיין אייגענעם באַזונדערן משמש. אַ משמש וואָס איז פון אים נישט אָפּגעטראָטן און אים באַדינט. קיין אַנדער מלבוש אַחוץ פון זיידנצייג און סאַמעט האָט זיך קיינמאָל נישט צוגערירט צום אויסגעאיידלטן יחוסדיקן גוף פון אַ ביאַלער אייניקל.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

ביאַלער ותיקין כאַפּן אַ קוק אויפן ינוקא אין וויגל.
מען ברענגט אַ כלה פון סאָכאַטשאָוו. די כלה דאַבריש
און די פּועלי־ציון. די שיינע קליידלעך וועלן דאַב־
רישן אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם רוסישן קייסער.
ווייס איך וואָס! גיי און האָב חתונה מיט אַ בורזשוק!

יהושעלע – דער העלד פון וועלכן איך וויל איצט דערציילן – איז געווען איינער פון רבישע פּרינצן אין ביאַלער הויף. ער איז געווען דער עלטסטער זון פון רבינס בכור. און דאָס האָט געהייסן: ער איז פון די קונפטיקע עומדים ראשונה במלכות ביאַלע. ווען יהושעלע איז נאָך געלעגן אין וויגל, איז עס פאַר חסידים געווען אַ זכיה צו כאַפּן אויף אים אַ קוק. גאָר שטאַרקע ביאַלער ותיקין האָבן נישט געקאָנט וואַרטן אויף שפּעטער און זיך פאַרן ינוקא אין וויגל מזכיר געווען מיט דער מאַמעס נאָמען און געבעטן ביי אים שפע און פרנסה. ווי איך האָב שוין דערציילט: ביי ביאַלער חסידים איז עס געווען איינגעגלויבט, אַז דער רבונו של עולם האָט די גאָלדענע שליסלען פון שפע אַוועקגעלייגט אין די הענט פון דער ביאַלער דינאַסטיע.

ווען יהושעלע האָט נאָר אָנגעהויבן צו גיין האָט מען אים געקליידט אין סאַמעט און אין זיידנצייג. אויף זיין קינדערישע קעפּעלע האָט ער געטראָגן אַ גאָלדן יאַרמעלקעלע ווי אַ כתר־מלכות. מען האָט פאַר זיינעטוועגן באַשטימט אַ באַזונדערן לייב־משמש וואָס זאָל אים נאָכגיין טריט ביי טריט, קוקן אים אין מיילעכל אַריין און אים באַדינען. דער ייד האָט פון דעם אַליין געהאַט פרנסה בריוח.

אַזוי איז יהושעלע אויפגעוואַקסן ביז ער האָט דערגרייכט חתן־צייט. ער איז געווען אַ שלאַנק איידל בחורל, אַ בלאַסער מיט שיינע תמימותדיקע אויגן. אין די לאַנגע געקרייזלטע פּיאות און אין סאַמעט און זיידנצייג האָט ער באמת אויסגעקוקט ווי אַ רבישער בן־מלך. די דורות פון די גרויסע באַרימטע זיידעס זענען געלעגן אויף דער בלאַסער איידלקייט פון זיין פּנים. ביאַלער חסידים האָבן זיך אין אים געשפּיגלט און געזען באַשיימפּערלעך ווי די קייט פון ביאַלע הייבט זיך ערשט אָן פאַנאַנדערצוּוויקלען. מען איז אים נאָכגעלאָפן און זיך ביי אים מזכיר געווען.

ס'האָט געהאַלטן ביי יהושעלען מיט אַ שידוך. שדכנים האָבן געברענגט אַ כלה פון סאָכאַטשאָווער הויף. אין ביאַלע האָט מען געטראַכט, אַז רבישן יחוס האָט מען גענוג אין דער משפּחה. מען דאַרף אין דער דינאַסטיע אַריינברענגען אַ נייעם וואַלאָר – און דאָס איז די גאונות פון דער תורה. אין דעם דאָזיקן פּרט איז עס אין ביאַלע געווען אַביסל קנאַפּלעך.

ר' אַברהמלע סאָכאַטשאָווער האָט דעמאָלט נאָך געלעבט. סאָכאַטשאָוו האָט זיך דעריבער גערעכנט פאַר דעם צענטער פון תורה נישט בלויז וואָס שייך פּוילן נאָר אויך אין די גאַרע תפוצות ישראל.

די כלה איז געווען ר' אַברהמלעס אַן אייניקל און אַ טאָכטער פון ר' שמואלן, ר' אַברהמלעס באַרימטן בן־יחיד. ר' שמואל איז געווען כמעט ווי ר' אַברהמלעס ממלא־מקום. וואָס שייך ברייטקייט און פאַרנעם האָט ער פאַרקלונגען פּוילן. אין די ערשטע ביכער פון דעם דאָזיקן ווערק האָב איך אַ סך וועגן אים געשריבן. אין סאָכאַטשאָוו האָט מען אַפילו געהאַט ווייניק איינזעעניש פאַר בלויז יחוס מיט קנאַפּלעך תורה. דערצו האָט מען דאָרט נישט גורס געווען רבישע הייף אין וועלכע עס רעגנט אַריין פון געעפנטע חסידישע טייסטערס – און דאָס זאָל זיין אַ דרך החסידות? די סאָכאַטשאָווער רעביצן צינע – דעם קאָצקערס טאָכטער — ווען זי האָט געהערט, אַז די רעביצנס אין ביאַלע גייען אָנגעטאָן ווי די פּוילישע גראַפיניעס, האָט זי, די רעביצן צינע, תחילת געזאָגט אַ שאַרף קאָצקער ביטול־וואָרט אויף די ביאַלער ווייבער. זי האָט תחילת נישט געוואָלט הערן פון שידוך. אין איר יחוס־קייט האָט אָבער ביאַלע פאַרמאָגט אַ זיידע, וואָס אויף דער וואָג־שאָל האָט ער אַ סך געוואויגן קעגן סאָכאַטשאָווער תורה און קעגן קאָצקער שאַרפקייט – און דאָס איז געווען דער ייד הקדוש פון פּשיסכע.

אין קאָצק האָט מען פאַר דעם ייד הקדוש געהאַט די געוואַלדיקסטע פּיעטעט. וואָס עס איז געווען אַ פּיעטעט אין קאָצק איז אויך געווען אַ פּיעטעט פאַרן גאון ר' אַברהמלע און פאַר דער קאָצקער טאָכטער, די רעביצן צינע — און ממילא אויך פאַר ר' שמואלן. מען האָט צוגעמאַכט די אויגן פאַר אַלע הנהגות פון ביאַלע, – הנהגות וואָס זענען לויט סאָכאַטשאָוו אויסגעקומען זייער פּריקרע און גאָר נישט געשמעקט מיט קאָצקער נוסח און מיט גמרא. אָבער דעם ייד הקדוש אַן אייניקל אין דער סאָכאַטשאָווער משפּחה וועגט אַלצדינג אַריבער.

דאָס איז געווען אַרום 1905, אין די יאָרן פון דער גרויסער רעוואָלוציע. אויך די יאָרן פון דער גרויסער יידישער רעוואָלוציע. די נייע תקופה האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט. זי האָט נישט געשוינט קיין רבישע הייף און קיין יחוס. אין סאָכאַטשאָוו, דער רעזידענץ פון תורה, האָט אויך געברויזט די מאָדערנע אַרבעטער־באַוועגונג.

דאַבריש, ר' שמואלס טאָכטער, וואָס האָט געזאָלט ווערן די כלה פון דעם זיידענעם ביאַלער אייניקל, האָט געירשנט די ראַדיקאַלע אומברחמנותדיקע קאָנסעקווענץ פון קאָצק און פון איר באָבע צינע. זי איז אַרונטערגעפאַלן אונטער די איינפלוסן

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ביאלה-פודלאסקה: ספר קהילה (1) {0} עמוד מס: 294 הודפס ע"י אוצר החכמה

פון דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי אין סאָכאַטשאָוו. אַזאַ שאַרפע, ראַדיקאַלע נאַטור ווי דאַבריש האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויפן מיטווער. זי האָט אַריינגעברענגט דעם סאָציאַליזם אין ר׳ שמואלס שטוב. דער סאָכאַטשאָווער הויף וואָס איז באַרימט געווען מיט זיין גאונות האָט זיך געהאַט ספּעציאַליזירט דווקא אין הלכות־שבת. ר׳ אַברהמלעס ספר „אגלי־טל״ וועגן די ל״ט מלאכות האָט זיך גערעכנט פאַר אַ קלאַסיש תלמודיש ווערק. אָט דאָס ספּעציעלע געביט פון סאָכאַטשאָוו האָט דאַבריש מיט איין שטריך פון דער פעדער מבטל געווען. זי איז געווען אַן אַפּיקורוסטע. אַ להכעיסניצע, און האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער פּראָלעטאַרישער מצווה דווקא ביי ר׳ שמואלן אינדערהיים צו שרייבן אין שבת.

דערציילן וואָס אַ סאָכאַטשאָווער אייניקל טוט און אַז זי האָט זיך צונויפגעקאָמפּאַניעוועט מיט די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון, האָט מען נישט געקאָנט. פּוילן וואָלט אויפגעציטערט געוואָרן צו הערן וואוהין די רעוואָלוציע און דאָס אַפּיקורסות האָבן שוין אָנגעשפּאַרט. מען האָט זיך געמוזט אויסהיטן און דאַברישן נישט מאַכן קיין עפנטלעכע סקאַנדאַלן. ר׳ שמואל אַליין איז געוואוינט געווען גאָרנישט צו פאַרשוויגן און בטבע האָט ער יעדע זאַך באַקעמפט ביד רמה. דאָ האָט ער נעבעך געמוזט מאַכן אַ שוויג. מען האָט נישט געטאָרט געוואויר ווערן וואָס עס טוט זיך אין גרעסטן צענטער פון תורה אין פּוילן. עס וואָלט געווען אַ חילול־השם און אַ חרפה פאַר מענטשן. גראָד האָט עס געמוזט טרעפן סאָכאַטשאָוו! אין אַנדערע רבישע הייף איז דערווייל געווען שטיל. דעם גערער הויף האָט סאָכאַטשאָוו באַטראַכט ווי אַן אייביקן קאָנקורענט און ווי אַן אוזורפּאַטאָר. גער האָט צוגענומען די קאָצקער מאַכט וואָס אייגנטלעך באַלאַנגט זי קיין סאָכאַטשאָוו. אין גערער הויף איז, פאַרקערט, אַלצדינג געוואָרן גאָר האָפּערדיקער אין חסידישער שאַרפקייט.

מען האָט אין סאָכאַטשאָוו געהאַלטן פון דעם אַלטן מיטל: ווען מען וועט דאַברישן חתונה מאַכן, וועט זי אַלצדינג פאַרגעסן און האָבן אַנדערע דאגות אויפן קאָפּ, ווי צו קעמפן צוזאַמען מיט די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון קעגן רוסישן קייסער און קעגן יידישקייט.

דאַבריש איז געווען אין מיינע יאָרן. צווישן אַלע פאַרשיידענע כלות וועלכע לאַנד־שדכנים האָבן פאַר מיר געברענגט פון אַלע עקן פּוילן, האָט מען אויך געברענגט דאַברישן. דער זיידע ברוך האָט דווקא געוואָלט זיך משדך זיין מיטן סאָכאַטשאָווער הויף. אַ גביר – האָט ער געזאָגט – איז ער אַליין און ער באַדאַרף נישט צום יחוס אַנדערע גבירים. מיט זיין אייניקער טאָכטער האָט ער זיך משדך געווען מיט ר׳ יהושעלע קוטנער. מיטן איינציקן אייניקל האָט ער זיך געוואָלט משדך זיין מיט ר׳ אברהמלע סאָכאַטשאָווער.

ר׳ שמואל האָט געוואוסט, אַז מיט דאַברישן צו טאָן אַ שידוך און ביי איר נישט צו פרעגן קיין דעה איז אַן אַרויסגעוואָרפענע זאַך.

ר׳ שמואל האָט דאַברישן געפרעגט צי זי וויל מיך פאַר אַ חתן.

זי האָט שאַרף אויפן קאָצקער נוסח געענטפערט:

– מוחל. איך באַדאַרף נישט קיין גבירישע זינדלעך.

האָט מען געזען, אַז מיט פרעגן ביי דאַברישן אַ דעה וועט מען נישט דערפירן צו קיין טאָלק.

דערווייל האָט מען פון אַלע זייטן צוגעטראָגן ר׳ שמואלן, אַז דאַבריש גייט אויף די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון. ער האָט דעריבער זיך גענומען צואיילן מיטן ביאַלער שידוך. ביי דאַברישן קיין דעה האָט ער מער נישט געפרעגט. זאָל זי נאָר חתונה האָבן – האָט ער געטראַכט – און אַוועק פון סאָכאַטשאָוו קיין ביאַלע, וועלן איר שוין אַרויספליען די פייגעלעך פון קאָפּ.

אַלע חסרונות פון די פּריצישע ווייבערישע מאָדעס ביי די ביאַלער שנורן, האָבן איצט, וואָס שייך דאַברישן, זיך פאַר ר׳ שמואלן אויסגעלאָזט אין גרויסע מעלות. די שיינע קליידלעך וועלן איר אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די פּועלי־ציון און דעם רוסישן קייסער.

אין ביאַלע האָט מען נישט געהאַט קיין אָנונג וואָסער געפערלעך מיידעלע עס איז די סאָכאַטשאָווער כלה. שדכנים האָבן געוואוסט אַלצדינג אויסצוהיטן אין גרעסטן בסוד. פון סאָכאַטשאָוו ביז ביאַלע איז געווען אַ צו ווייטער מהלך כדי די ווינטן און בייזע צינגער זאָלן עס ברענגען צו טראָגן.

מען האָט ווייטער נישט געפרעגט ביי דאַברישן קיין דעה און געמאַכט אין סאָכאַטשאָוו די ברייטע תנאים. דער ביאַלער הויף האָט זיך באַוויזן אין זיין מלכותדיקער שפע. דעם קאָצקער רבינס טאָכטער, די רעביצן ציננע, האָט אַ קוק געטאָן אויף די ביאַלער רעביצינס ווי זיי זענען איינגעטונקט אין זיידנצייג און אין סאָמעט און באַהאָנגען מיט פּערל און בריליאַנטן און געהערט דאָס רוישן פון זייערע פּריצישע שלעפּעס, האָט זי, די רעביצן, ציננע, געצויגן מיט די פּלייצעס און געזאָגט אַ שאַרף קאָצקער וואָרט פון ביטול. נאָר זי האָט עס געזאָגט צו זיך אַליין און נישט בקול רם כדרכה, ווי מען איז געוואוינט געווען אין קאָצק צו זאָגן מיט דער צונג דאָס וואָס מען האָט אויף דער לונג. ראשית, זענען עס דעם ייד הקדוש אייניקלעך און מען שפּילט זיך מיט פייער. צווייטנס, טאָר מען נישט באַלאָמוטשען און דאַברישן מאַכן פאַר אַ כלה.

דער חתן יהושעלע האָט צווישן אַלע ביאַלער רבישע פּרינצן אויסגעקוקט דער שטילסטער און דער איידלסטער. מיט אַ בלאַס פּנימל, מיט לאַנגע פּיאות, אין זיידנצייג און אין סאַמעט האָט ער אויסגעזען ווי אמתער יחוס. ר׳ אַברהמלע סאָכאַטשאָווער אַליין, הגם ער האָט דער עיקר געקוקט אויף תורה — און דער ביאַלער הויף האָט נישט געשעמט מיט קיין איבעריקער לומדות — האָט אָנגעקוקט דאַברישעס חתן און געזאָגט צו ר׳ שמואלן:

— מען זעט בפירוש דעם יידס אַן אייניקל.

ביי דאַברישן איז די גאַנצע מעשה געווען אַ לוסטיקע ספּעקטאַקל. זי האָט עס געהאַלטן פאַר אַ שישקע פּולווער, און האָט זיך געוויצלט דעריבער מיט די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון. זי האָט אין האַרצן געלאַכט: זאָלן זיי זיך שפּילן! סיי ווי וועט זי נישט חתונה האָבן מיט אַזאַ בורזשוק און רבישן בלוט־זויגער.

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
ביאלה-פודלאסקה: ספר קהילה (1) {0} עמוד מס: 295 הודפס ע״י אוצר החכמה

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

נאָר גאָט אַליין איז אַ יודע־לבבות. בונדישער בסוד. מען זוכט און מען געפינט. פּוילן גייט אויף רעדלעך און פון סאָבאָטשאָוו שיקט מען צוריק די תנאים. דאָברישעס ברייוועלע צום חתן. דאָס דיאַלעקטישע שפּיל פון רעוואָלוציע און המשך.

נאָר גאָט אַליין איז אַ יודע לבבות. קיינער זעט נישט דאָס ווערימל וואָס טאָטשעט אינעווייניק אין שענסטן עפּעלע. גרויסע היסטאָרישע תקופות האָבן זייערע איבעראַשונגען. ווען עס הייבט אָן רעדן די געשיכטע שוויגט די לאָגיק פון אַלע טראַדיציעס.

ווער וואָלט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אָט דאָס בלאָסע איידעלע יהושעלע וואָס טראָגט זיך כסדר אין סאַמעט און זיידנציג, האָט זיין אייגענעם משמש, און חסידים לויפן אים שוין באַצייטנס נאָך און זענען זיך פּאַר אים מזכיר — אַז אָט דאָס רבישע פּריצל איז גאָר אַ מיטגליד פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע? ווען ער הייסט דעם משמש פאַרמאַכן די טיר און חסידים גלויבן, אַז יהושעלע נעמט זיך עוסק צו זיין אין נסתר און האָט אפשר גילוי־אליהו — גראָד דעמאָלט זיצט ער און לייענט מאַרקסן מיט גרויס עיון?

דאָס וואָס אַ מיטגליד פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע איז פאַרבליבן ביי אַלע זיינע רבישע התנהגותן, האָט געטראָגן זיידענע שלאָף־רעק און לאַנגע פּאות, געגאַנגען מיט משמשים און געהערט הזכרות פון פרומע גלויביקע חסידים, דאָס איז פּשוט געטאָן געוואָרן — ווי מערקווירדיק גראָטעסק! — לויטן באַפעל פון דער ביאַלער בונדישער אָרגאַניזאַציע. אין „בונד" איז מען געוואוינט געווען צו פאָלגן — און יהושעלע האָט געפאָלגט.

די סיבה איז געווען די פאָלגנדיקע:

אין ביאַלע איז געשטאַנען אַ גרויסער גאַרניזאָן פון רוסיש מיליטער, און דווקא קאָזאַקן און טשערקעסן. דער „בונד" האָט דאָרט געפירט צווישן מיליטער אַ פאַרצווייגטע רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. צווישן די קאָזאַקן און טשערקעסן זענען געגרינדעט געוואָרן רעוואָלוציאָנערע קעמערלעך. די אַרבעט איז געווען זייער אַ געפערלעכע. פּשוט אַ שפּיל מיט פייער צווישן פּעסער פּולווער. קאָנספּיראַציע אַליין איז געווען ווייניק. ס'האָט געמוזט זיין קאָנספּיראַציע שבקאָנספּיראַציע. די ביאַלער בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן, אַז דער ביאַלער רבישער הויף איז דאָס בעסטע און זיכערסטע אָרט וואו מען קאָן באַהאַלטן די שטעמפּלען פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע ווי אויך פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. וואו וואו, — נאָר אין ביאַלער הויף וועט דעם פּיפּיקסטן אַגענט נישט איינפאַלן צו זוכן די נעסט פון דער רעוואָלוציע. מען האָט דאָרט אָן אייגענעם מענטש, יהושעלען. דעריבער האָט ער געקריגן אַ פּאַרטייאישן באַפעל חלילה נישט משנה צו זיין אויף אַ האָר פון זיינע אַלטע רבישע פּירעכצן.

יהושעלען האָט דער ביאַלער „בונד" געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און אים נישט דערלויבט צו קומען אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. בלויז אַ צוויי דריי חברים האָבן געוואוסט, אַז דאָס זיידענע רבילע איז אַ מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע. מען האָט מורא געהאַט, טאָמער פאַלט אויף אים אַ שטויבעלע פון מינדסטן חשד. די באַציאונגען מיט אים זענען געהאַלטן געוואָרן אין שטרענגסטער קאָנספּיראַציע — און אַלץ איז געגאַנגען אויפן בעסטן אופן. די זשאַנדאַרמעריע און די געניטסטע אָכראַנע־אַגענטן האָבן זיך געבראָכן די קעפּ צו געפינען דעם צענטער פון דער ביאַלער רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע.

די גרעסטע פאַנטאַזיע וואָלט זיי נישט געקאָנט אַריינפירן אין מלכותדיקן ביאַלער רבישן הויף.

אַ היפּשע צייט איז פאַרגאַנגען אין בעסטן כשורה.

האָט זיך אָבער געפונען אַ פּראָוואָקאַטאָר וואָס האָט גענישטערט און גענישטערט און געפאַלן אויף אַ שפּור. ער האָט אָנגעוויזן דער רוסישער זשאַנדאַרמעריע וואו מען זאָל זוכן דעם שטאַב פון דער געהיימער רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט אָנגעוויזן אויפן בלאַסן בחורל מיט די לאַנגע פּאות און אין שאַרכנדיקן זיידנצייג וואָס איז קיינמאָל נישט געגאַנגען אָן אַ משמש. זה הוא — האָט געזאָגט דער פּראָוואָקאַטאָר — דאָס איז דאָס ריכטיקע פייגעלע וואָס מען זוכט. דער זשאַנדאַרמסקי נאַטשאַלניק אין ביאַלע האָט אויפגעריסן די אויגן און געזאָגט צום פּראָוואָקאַטאָר:

— סיידן דו ביסט משוגע געוואָרן, אָדער דער „בונד" וויל דיך פירן אין באָד אַריין.

דער פּראָוואָקאַטאָר איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע. די ביאַלער זשאַנדאַרמעריע האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה ווי צו קומען אין באַרימטן רבישן הויף אַריין און דאָרט זוכן דעם „בונד" און דעם געפערלעכן שונא פון צאַר.

מען האָט מיט פיל העפלעכקייט אָנגעקלאַפּט ביי די פאַרמאַכטע רבישע טירן.

אַלע רביצינס און משמשים זענען געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט און האָבן נישט געוואוסט וואָס דאָס האָט צו באַטייטן.

די זשאַנדאַרן און אַגענטן האָבן באַרואיקט מיט זיסע רייד־לעך און פאַרזיכערט, אַז עס האַנדלט זיך מן־הסתם אין אַ פּשוט מיספאַרשטענדעניש. פאַרפאַלן. זיי מוזן מאַכן אַ רעוויזיע. אין סאַמע פּעטערבורג האָבן שאַלקהאַפטיקע מענטשן צוגעטראָגן אַ מסירה. עס איז אָנגעקומען אַ באַפעל עפּעס צו זוכן אין רבישן הויף. מן־הסתם וועט דער אמת באַלד אַרויפקומען ווי בוימל אויפן וואַסער און אין פּעטערבורג וועט מען זיך איבערצייגן אין דעם שקר פונם בלבול.

די רעביצינס האָבן זיך טאַקע באַרואיקט. דעם רבין אין זיין חדר־מיוחד האָט מען דערווייל נישט געוואָלט דערציילן דאָס עלילת־דם אויפן ביאַלער הויף. מען האָט אים נישט געוואָלט מבלבל זיין אינמיטן דאַווענען.

די זשאַנדאַרן און אַגענטן האָבן גענומען זוכן. זוכן האָבן זיי געקאָנט. מען איז אַריינגעגאַנגען אין יהושעלעס חדר־מיוחד. מען האָט דאָרט נישט לאַנג געזוכט. דער בוימל איז טאַקע אַרויפגעקומען אויפן וואַסער.

די זשאַנדאַרן האָבן אַליין נישט געגלויבט זייערע אויגן ווען זיי האָבן געפונען די באַהאַלטענע סטעמפּלען פון דער רעוואָלוציאָנערער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע און גאַנצע פּעק

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ביאלה-פודלאסקה: ספר קהילה (1) {0} עמוד מס: 296 הודפס ע"י אוצר החכמה

מיט סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור וואָס האָט געזאָלט פאַרשפּרייט ווערן צווישן די קאָזאַקן און טשערקעסן פון ביאַלער גאַרניזאָן.

וואָס עס האָט זיך געטאָן אין ביאַלער הויף קאָן מען זיך פאָרשטעלן. מען האָט פאַרט דעם רבין געמוזט מבלבל זיין אינמיטן דאַוונען און אים דערציילן דאָס פינצטערע אומגליק.

די איבעררעשטע זשאַנדאַרן זענען ווייטער געבליבן זייער העפלעך קעגן די דערשראָקענע און צעשמעטערטע רעביצינס. אויך צו יהושעלען איז מען געווען העפלעך ביז גאָר. נאָר מען האָט אים מיטגענומען מיט זיך. דער פאַרברעכער איז געווען אַזוי וויכטיק, אַז מען האָט אים מורא געהאַט צו האַלטן אין ביאַלער תפיסה. אונטער אַ באַוואָפנטער שמירה האָט מען אים באַלד אַוועקגעשיקט אין באַרימטן צענטן פּאַוויליאָן פון וואַרשעווער ציטאַדעל.

⁂

צווישן חסידים אין פּוילן האָט די אויסטערלישע ידיעה פון ביאַלע געטראָפן ווי אַ דונער אינמיטן העלן טאָג. אויב אין ביאַלע, אינמיטן פון דעם עלטסטן און גרעסטן רבישן יחוס אין פּוילן, האָט זיך שוין אַריינגעכאַפּט די אַרבעטער־רעוואָלוציע — איז דאָך טאַקע אויס וועלט. קיינער קאָן באמת מער נישט זיכער זיין מיט זיינע קינדער. דאָס ערד־ציטערניש אין יידישן לעבן האָט געטאָן דעם הילכיקסטן קלאַפּ.

אין סאָכאַטשאָוו האָט מען געזען: נישט בלויז וואָס מען האָט מיטן ביאַלער שידוך נישט געראַטעוועט דאַברישן פון די סאָכאַטשאָווער פּועלי־ציון, נייערט מען האָט זי בידים אַריינגעפירט צום סאַמע ראָדנעם סמך־מם. דעם ייד הקדוש אייניקל פון ביאַלער הויף, דאָס בלאַסע יחוסדיקע בחורל אין זיידנצייג און מיט לאַנגע פאות, האָט זיך גאָר — ווי איז מיר — אָפּגעגעבן מיט רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע צווישן קאָזאַקן און טשערקעסן. יידן שמועסן, אַז מען וועט דאָס תכשיטל אַוועקשיקן קיין סיביר אויף אייביקער קאַטאָרגע. האָט מען טאַקע אין סאָכאַטשאָוו נישט געקוקט אויף דער גרויסער פּיעטעט פאַרן פּשיסכער ייד און תיכף ומיד צוריקגעשיקט די תנאים קיין ביאַלע. אויס שידוך!

ביי די ביאַלער חסידים איז עס געווען קלאָר ווי דער טאָג: ווען מען וועט איצט ברייט עפענען די בייטלען און מקיים זיין די מצווה פון פדיון־שבוים צוליב אַ ביאַלער אייניקל, וועלן זיך פון אַלע הימלען אַ גאָס טאָן נייע קוואַלן פון דער גרעסטער שפע. מען דאַרף כאַפּן באַצייטנס און נישט קאַרגן קיין טויזנטער און קיין צען טויזנטער. פאַר איטלעכן טויזנטער וועלן דער רבונו של עולם און די הייליקע זיידעס צוריקצאָלן דאָס צען־פּאַכיקע און דאָס הונדערט־פּאַכיקע. האָט מען טאַקע פון אַלע זייטן געעפנט די בייטלען און אָנגעהויבן אונטערצוקויפן אויף רעכט און אויף לינקס. קודם־כל האָט מען זיך גענומען צו דער ביאַלער זשאַנדאַרמעריע. מען האָט דאָרט אָנגעהויבן צו שמירן פון אויבן און פון אונטן. די ביאַלער „אָכראַנע" איז נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און איז איינגאַנצן געווען אין די הענט פון ביאַלער חסידים. מען האָט דאָרט פאַרניכטעט אַלע דאָקומענטן וואָס האָבן געקאָנט אויסגענוצט ווערן ווי אַ באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל קעגן יהושעלען. די אַגענטן און זשאַנדאַרן וואָס האָבן געמאַכט די רעוויזיע אין ביאַלער הויף האָבן געשוואוירן, ביי אַלע הייליקע, אַז זיי זענען פּשוט אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ טעות און ביי דער רעוויזיע האָבן זיי נישט געפונען כי הוא זה. יהושעלע איז גאָט די נשמה שולדיק. גלייכצייטיק האָבן זיך די ביאַלער חסידים גענומען צו וואַרשע. אויך דאָרט האָבן די היטער פון דער צאַרישער אָרדענונג נישט געקאָנט עומד בנסיון זיין.

ביי אַזאַ לאַגע האָט מען יהושעלען באַפרייט פון צענטן פּאַוויליאָן און ער איז בכבוד גדול צוריקגעפאָרן קיין ביאַלע.

צי האָט זיך שפּעטער טאַקע געעפנט די שפע פאַר ביאַלער חסידים און די צענדליקער טויזנטער וואָס זיי האָבן אַוועקגעגעבן צו באַפרייען יהושעלען האָבן זיי צוריקבאַקומען מיט אַ סך בכפלי־כפלימס? ביאַלער חסידים האָבן געזאָגט אַז יאָ. מן־הסתם האָבן זיי געוואוסט וואָס זיי זאָגן.

די רעוואָלוציאָנערע און העראָאישע מעשה מיט יהושעלען האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, דערגרייכט צו די אויערן פון דאַברישן אין סאָכאַטשאָוו.

דער שידוך איז געווען אָפּגעלאָזט.

דאַבריש האָט גענומען און אָנגעשריבן אַ בריוו קיין ביאַלע צו איר געוועזענעם חתן, צו אָט דעם בלאַסן באַפּיאותטן בחורל אין זיידנצייג, וואָס ביי די תנאים האָט ער ביי איר אויסגעקוקט נייערט ווי אַ רבישע פּיאַווקע, און זי, דאַבריש, וואָלט זיך בעסער געלאָזט אָפּשניידן דעם קאָפּ איידער מיט דעם כניאָק חתונה צו האָבן.

— אייגנטלעך, — האָט דאַבריש געשריבן קיין ביאַלע צו יהושעלען — זענען מיר חתן־כלה. אויף וואָסער אופן מיר זענען געוואָרן חתן־כלה שפּילט נישט קיין ראָל. איצט האָט מען ווייטער ביי אונז נישט געפרעגט און אָפּגעלאָזט דעם שידוך. און עס שפּילט אויך נישט קיין ראָל. אויב דו ווילסט מיך, חבר לעבן, בין איך גרייט מיט דיר חתונה צו האָבן.

יהושעלען איז געפעלן געוואָרן אָט די שאַרפע רבישע רעוואָלוציאָנערקע און ער האָט איר געענטפערט: יאָ. ער איז גרייט.

זיי האָבן זיך נאָך עטלעכע מאָל אינקאָגניטאָ געטראָפן אין וואַרשע. נישט געקוקט דערויף וואָס זי איז געווען אַ פּועלי־ציוניסטקע און ער אַ בונדיסט זענען זיי זיך געפעלן געוואָרן.

אין די רבישע הייף פון ביאַלע און סאָכאַטשאָוו האָבן שדכנים און שיינע יידן אָפּגעהאַקט די שוועלן און געברענגט שידוכים אי פאַר יהושעלען און אי פאַר דאַברישן.

דאַסמאָל האָט עס דאַבריש געמאַכט אויפן שאַרפן קאַצקער נוסח פון איר באָבע צינע. זי האָט געזאָגט צו ר' שמואלן:

— מאַלע וואָס מען האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך מיטן ביאַלער הויף. זי גיט אים, ר' שמואלן, דריי וואָכן צייט. אויב מען וועט איר נישט צוריקגעבן דעם ביאַלער חתן האָט זי מיט אים חתונה אָן חופה וקידושין.

פאַר ר' שמואלן איז עס געווען אַ קלאַפּ פון לויטערן הימל. ער האָט געקענט זיין טאָכטער דאַבריש און האָט געוואוסט, אַז זי האָט נישט ליב צו רעדן סתם אויפן ווינט. קאָצקער בלוט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן זייער איידעלע דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען צווישן סאָכאַטשאָוו און ביאַלע. ס'איז צוריק געוואָרן פון די תנאים. מיט דער חתונה האָט מען זיך שטאַרק צוגעאײַלט. אָבער מען האָט זי געמאַכט אָן רעש און אָן דער גרויסער פּאָמפּע ווי עס וואָלט געווען געפּאַסט ווען סאָכאַטשאָוו איז זיך משדך מיט ביאַלע. די חתונה איז געווען אַ שטילע און זי איז פאַרגעקומען ערגעץ־וואו אין וואַרשע. די גלאָקן האָבן געשוויגן. זעלטן־ווער אין פּוילן — סיידן די נאָענטסטע מקורבים — האָבן געוואוסט פון דעם יום־החתונה, וואָס ביי אַנדערע אומשטענדן וואָלט ער געווען פון די גרעסטע געשעענישן אין חסידישן לעבן אין פּוילן.

*

יהושע ראַבינאָוויטש (דער ייד הקדוש פון פּשיסכע האָט געהייסן ראַבינאָוויטש) האָט צום ערשטן געוואוינט אין לאָדזש און שפּעטער אין וואַרשע. מיר זענען געווען זייער באַפרײַנדעט. יהושע מיט דאָברישן פלעגן אַרויפקומען צו מיר און איך בין געקומען צו זיי מיט מיין פרוי חנה.

אין יהושען האָט מען באַשיימפּערלעך געזען ווי דער יהוסדיקער אַדל פון כאַראַקטער איז אין פולשטענדיקן סינטעז מיט בונדישער געזינונג און טיפער טרײַשאַפט צום יידישן סאָציאַליזם. דעם ייד הקדוש אַן אייניקל און דער „בונד" זענען חלילה נישט קיין סתירה. זיי זענען נאָר פאַרשידענע טראַנספאָרמאַציעס פון דער אייגענער היסטאָרישער יידישער מחשבה: דאָס וואונדערלעכע דיאַלעקטישע שפּיל פון רעוואָלוציע און המשך.

יהושע איז פאַרבליבן אַן אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט. מיך האָט ער געהאַלטן פאַר אַ מעטאַפיזיקער און אידעאַליסט. אין דעם דאָזיקן פּרט האָבן מיר געהאַט וויכוחים. מאַכט נישט אויס. מיר זענען ביידע געווען גוטע בונדיסטן.

אין דער וואַרשעווער געטאָ פאַרן חורבן פּוילן איז יהושע געווען טעטיק אין דעם אונטערערדישן „בונד". ער איז אומגעקומען אין די דייטשע קאַלך־אויוונס. דאָברישן מיט איר יינגסטער טאָכטער ציּנע — די טאָכטער וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דער אַלטער סאָכאַטשאָווער רעביצן — האָבן די דייטשן דערשאָסן אינמיטן גאַס. זיי האָבן עס געטאָן לויטן דייטשן נוסח. צום ערשטן האָבן זיי פאַר דער מוטערס אויגן דערשאָסן די טאָכטער. שפּעטער, ווען דער דייטש האָט אויפגעהויבן זיין רעוואָלווער אויף דאָברישן איז איר שוין נישט געווען קיין נפקא־מינה. מן־הסתם האָט זי געשלאָסן אירע טויטע אויגן מיט דער גרעסטער רואיקייט ענדלעך צו קאָנען אַוועקגיין פון דער וועלט.

א. ליטווין / דער ביאַלער „הויף"

צווישן אַלע חסידישע הויפן אין פּוילן האָט קיינער נישט באַזעסן אַזאַ גלאַנץ, אַזאַ צויבער, ווי דער ביאַלער. נישט אין גער, נישט אין טריסק, נישט אין אַנדערע רביישע הויפן האָט מען פאַרשטאַנען די קונסט צו פירן אַזוי „טיש", ווי אין ביאַלע.

דער ביאַלער רבי ר' יצחק־יעקב איז געווען פון שפּיץ רביישן יחוס. ער איז געווען אַן אייניקל פון דעם „ייד" און אַן אוראייניקל פון די בעסטע תלמידים פון בעל שם־טוב.

דעם לעצטן ביאַלער רבין האָט מען גערופן דער „הינקעדיקער". נאַטירלעך האָבן חסידים זיך נישט דערלויבט אים צו רופן מיט אַזאַ נאָמען, נאָר מתנגדים. ס'איז אָבער געווען אַן אמת. דער „ביאַלער" איז ווירקלעך געווען אַ הינקעדיקער.

און פונדעסטוועגן איז דאָס געווען נישט גאָר קיין געוויינלעכע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען זייער אַ פּעאיקער און זייער אַ קלוגער. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי צו האַלטן זיך מיט זיינע חסידים, אַז מענער און פרויען האָבן אים פאַרגעטערט. אַן אָרעמע יידענע, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן געצאָלט דעם רבין „ראַטע", ד״ה וועכנטלעכן פּדיון פאַר איר בן־יחיד, האָט זיך תמיד געקלאָגט נאָר אויף איין זאַך: פאַרוואָס זי איז נישט קיין מאַנסביל און קאָן נישט שטיין נאָענט לעבן רבין.

נאָך אַ פאַקט ווייזט אויף דער באַזונדערער פאַרגעטערונג פון ביאַלער רבין. געוויינלעך האָט יעדער רבי ביי זיך אין שטעטל וויניקער חסידים, ווי אומעטום. די שטעטלדיקע, וואָס וויסן די סודות פון הויף, וואָס קאָנען דעם רבין און זיינע לייט פון דער אינעווייניקסטער זייט, האָבן פאַר אים וויניק דרך־ארץ און דערלויבן זיך פון אים אַפילו אונטערצולאַכן. אין ביאַלע איז געווען פאַרקערט. דאָ, ביי זיך אין שטעטל, האָט דער הויף געהאַט זיינע טרײַעסטע און איבערגעגעבנסטע אָנהענגערס.

דאָס אַלץ האָט דער „ביאַלער" געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין גרויסע קונסט צו פירן די „מלוכה". איבערהויפּט ימים־נוראים איז ער געווען אימהדיק: אַרומגעשטעקט מיט זיבן שופרות, אין אַ ווייסער זשופּעצע, אַליין געליינט דעם ספר. ביים „טיש" האָט ער געזאָגט תורה איינציקע אָפּגעריסענע ווערטער און דער „טיש־זיצער", ד״ה דער גבאי, וואָס איז געווען אַ טאַלמעטשער, פלעגט אויסטייטשן דעם רבינס כוונות. קיין רבי האָט נישט געקאָנט אַזוי קונציק ווי ער די תנועות פון פאַרגאַפן זיך, פאַרגיין אין די הימלישע וועלטן אויף לאַנג און דערנאָך זיך אויפכאַפּן, ווי די נשמה זיינע וואָלט אַראָפּגעשפרונגען פונם זיבעטן הימל און אָנגעריררט זיך ערשט אין דער זינדיקער ערד.

דער „ביאַלער" איז געווען צו שטאָלץ אַרומצופאָרן נאָך פּדיונות, — ווי אַנדערע רביים. די פּדיונות האָט איטלעכער געבראַכט אים אַליין. יעדער חסיד, אַפילו דער אָרעמסטער, איז געווען באַלייגט מיט אַ וועכנטלעכער אָפּצאָלונג. דאָס האָט געהייסן „ראַטע". דער קלענסטער ווייבערשער קוויטל האָט געקאָסט אַ רובל. רייכע חסידים פלעגן גלאַט געבן געלד אָן אַ שיעור. דעם רבינס ווינקעלער האָט געהאַט פאַר טויזנטער רובל די טייערסטע וויינען. ביים טיש איז צוגעגאַנגען לויט אַ שטרענגן, כמעט קעניגלעכן צערעמאָניאַל.

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
ביאלה-פודאלאסקה: ספר קהילה (1) {0} עמוד מס: 298 הודפס ע"י אוצר החכמה